# קאנאביס אין NYC: זייט באקאנט מיט אייערע רעכטן

**קאנאביס (מאריכואנא) איז לעגאל פאר באנוץ פון ערוואקסענע אין ניו יארק סטעיט (New York State, NYS).**



**3 oz** **24 g**

ערוואקסענע פון 21 יאר און עלטער מעגן האבן און מיטטיילן מיט אנדערע (אבער נישט פארקויפן) ביז אזויפיל ווי 3 אונץ פון קאנאביס בלום אדער 'באַד', אדער ביז אזויפיל ווי 24 גראם פון קאנצענטרירטע קאנאביס ווי אויל אדער 'וועיפס'.




ערוואקסענע פון 21 יאר און עלטער מעגן רויכערן אדער 'וועיפּן' קאנאביס אין רוב פלעצער וואו רויכערן געווענטליכע טאבאקא ציגארעטלעך איז ערלויבט.



ניו יארק'ס מעדיצינישע קאנאביס פראגראם איז פארברייטערט געווארן. פאר אינפארמאציע איבער די ענדערונגען, באזוכט **cannabis.ny.gov/medical-cannabis**.




פארקויפן קאנאביס איז ערלויבט נאר ביי NYS-לייסענסירטע געשעפטן. פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער לעגאל איינקויפן קאנאביס, ארייננרעכנענדיג לאקאציעס פון געשעפטן, באזוכט **cannabis.ny.gov/adult-use**.

## ביים ארבעט



- ארבעטסגעבער טארן נישט אונטערנעמען שריט קעגן מענטשן פארן נוצן קאנאביס לעגאלערהייט אינדרויסן פון די ארבעטספלאץ. ארבעטסגעבער קענען וועקשטעלן און אינפארסירן פאליסיס וועלכע פארבאטן צו נוצן אדער זיין אונטער איינפלוס פון קאנאביס ביים ארבעט. פרעגט אייער ארבעטסגעבער איבער זייערע ספעציפישע קאנאביס פאליסיס.
- ארבעטסגעבער קענען אונטערנעמען שריט קעגן מענטשן וועלכע נוצן אדער זענען אונטער איינפלוס פון קאנאביס ביים ארבעט.
  - פאר מער אינפארמאציע, באזוכט **dol.ny.gov** און זוכט פאר **"workplace cannabis"** (קאנאביס ביים ארבעטספלאץ).
- NYC לאקאלער געזעץ פארבאט צו טעסטן צוקונפטיגע ארבייטער פאר קאנאביס באנוץ.
  - פאר מער אינפארמאציע, באזוכט **nyc.gov/dcas** און זוכט פאר **"cannabis testing"** (קאנאביס טעסטינג).

## וואוילזיין פון קינדער

- נוצן אדער האבן קאנאביס אין אייגנטום לעגאלערהייט קען נישט גענוצט ווערן אלץ א סיבה צו צוריקווייזן די רעכט פון עלטערן צו האבן די קינדער אינדערהיים אדער צו באזוכן זייערע קינדער.
- זיי ווער וואס האט קינדער אדער צענערלינגען אינדערהיים מוז זיכערערהייט וועקלייגן זייערע קאנאביס פראדוקטן אויף א פלאץ וואו קינדער און צענערלינגען קענען נישט אנקומען דערצו.



## אין די הויז



- פריוואטע לענדלארדס טארן נישט צוריקווייזן זייערע הייזער צוליב באנוץ מיט קאנאביס.
- פריוואטע געביידע פאליסיס מעגן באגרענעצן אדער פארבאטן צו רויכערן און 'וועיפּן' אינעווייניג אין היימער. קוקט איבער אייער ליעס אדער געביידע תקנות.
- NYCHA האוזינג דעוועלאפמענטס האבן רויער-פרייע פאליסיס וואס פארבאטן צו רויכערן און 'וועיפּן' טאבאקא און קאנאביס אויף די פראפערטי. פובליק האוזינג וואס איז טייל פון א פעדעראלער פראגראם איז אונטערגעבויגן צו דעם פעדעראלן געזעץ וואס פארבאט צו האבן און נוצן קאנאביס און קאנאביס פראדוקטן.

## ארייננעמען צוזייטהאנטיגע רויער



- רויכערן און 'וועיפּן' סיי וועלכע פראדוקט, ארייננרעכנענדיג קאנאביס, איז נישט ערלויבט אין פובליק פלעצער פון געביידעס און אין רוב ארבעטספלעצער. אנדערע פלעצער וואו רויכערן און 'וועיפּן' זענען נישט ערלויבט רעכנען אריין – צווישן אנדערע – רעסטוראנטן, באַס און פובליק פלעצער ווי פארקס און וואסער בארטנס.
- צו לערנען מער איבער רויער-פרייע לופט געזעצן, באזוכט **nyc.gov/health/tobaccocontrol**.
- ארייננצוגעבן א קאמפלעינט איבער א רויכערן פארלעצונג, רופט **311** אדער באזוכט **portal.311.nyc.gov** און זוכט פאר **"smoking complaint"** (רויכערן קאמפלעינט).

## קרימינאלע לעגאלע סיסטעם



- געוועזענע קאנאביס פארלעצונגען פאר זאכן וועלכע זענען שוין מער נישט אומלעגאל אונטער דעם נייעם געזעץ וועלן אויסגעמעקט ווערן פון מענטשן'ס רעקארדס.
  - דער פראצעדור איז אויטאמאטיש, און דער מענטש מיט די רעקארד דארף גארנישט טוהן.
  - עס קען נעמען ביז צוויי יאר פאר די פארלעצונגען צו אפגעמעקט ווערן פון די רעקארדס.
- דער נייער געזעץ ערלויבט א קאר צו דורכגעזוכט ווערן צוליב א שמעק פון קאנאביס נאר אין פעלער וואו דער דרייווער קען גרינגערהייט צוקומען צו זיי.
- אונטער דעם נייעם געזעץ קען א מענטשן'ס לעגאלע באנוץ מיט קאנאביס נישט גענומען ווערן אין באטראכט ביים מאכן א באשלוס איבער סטעיט אדער לאקאלע פעראָול אדער פראָבועישען.
- מענטשן קענען מעגליך האבן זייער אורטייל פארקורצערט דורך די געריכט פאר קאנאביס פארלעצונגען וועלכע זענען געענדערט געווארן אונטער דעם נייעם געזעץ.
  - די געריכט קען רעדוצירן א יעצטיגע אורטייל אויב די פאל קומט נאך פארלאנגטע לעגאלע קוואליפיקאציעס.
  - אנדערש פון אויסמעקן א פארלעצונג פון די רעקארדס פון א מענטש צוליב א געענדערטער געזעץ, איז א רעדוקציע פון אן אורטייל נישט אויטאמאטיש. כדי צו באקומען א רעדוצירטע אורטייל פארלאנגט זיך אז אן אדוואקאט זאל אריינגעבן א פארלאנג דערפאר צו די געריכט.

## אימיגראציע

- קאנאביס איז נאכאלץ אומלעגאל אונטער דעם פעדעראלן געזעץ. קאנאביס געזעץ פארלעצונגען קענען נאכאלץ פאראורזאכן ערנסטע אימיגראציע פראבלעמען.
- פאר מער אינפארמאציע, ווענדט זיך פאר אימיגראציע לעגאלע סערוויסעס. רופט די סיטי-אויסגעצאלטע, אומזיסטע און זיכערע ActionNYC האטליין אויף 800-354-0365, אדער רופט **311** און זאגט אריין "ActionNYC", פון 9:00 אינדערפרי ביז 6:00 אוונט, פון מאנטאג ביז פרייטאג, צו באקומען אינפארמאציע און צו פארבינדן ווערן מיט הילף.

פאר אומזיסטע לעגאלע הילף, פארבינדט זיך מיט די Legal Action Center (לעגאלע שריט צענטער) אויף 212-243-1313, מיט די Legal Aid Society (לעגאלע הילף סאָוסייעטי) אויף 212-577-3300, Legal Services NYC (לעגאלע סערוויסעס - NYC) אויף 917-661-4500 אדער New York Lawyers for the Public Interest (ניו יארקע אדוואקאטן פאר די פובליק אינטערעסע) אויף 212-244-4664. פאר מער אינפארמאציע, רופט **311**.

פאר מער אינפארמאציע, באזוכט **nyc.gov/health/cannabis**.

NYC Health

MHY484032E – 4.23 Yiddish